חקת תשפ"ד
גליון 198

# דעם רבינ'ס ליכט



אַיֶיערֶע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מודִיעַ זַיין
וָואס דָא הָאט זִיך גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

## שָׁלוֹם, שָׁלוֹם, צְווִישְׁן אִידְן

אַ גוּטְן שַׁבָּת פַאר אַלֶע לִיכְטִיגֶע קִינְדֶערְלֶעךְ. דִי וָואךְ דֶערְצֵיילְט אוּנְז דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה וֶועגְן דִי פְּטִירָה - דִי הִסְתַּלְּקוּת פוּן אַהֲרֹן הַכֹּהֵן. דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעהֵייסְן אַרוֹיפְגֵיין צוּם הֹר הָהָר, אוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט אִים אוֹיסְגֶעטוּן זַיינֶע בִּגְדֵי הַכְּהוּנָה, אוּן אָנְגֶעטוּן פַאר זַיין זוּן אֶלְעָזָר, אוּן אַהֲרֹן הַכֹּהֵן אִיז דָארְט נִסְתַּלֵּק גֶעוָוארְן.

דֶערְצֵיילְט דִי תּוֹרָה: "וַיִּרְאוּ כָּל הָעֵדָה כִּי גָוַע אַהֲרֹן וַיִּבְכּוּ אֶת אַהֲרֹן שְׁלֹשִׁים יוֹם כֹּל בֵּית יִשְׂרָאֵל" זָאגְט רַשִׁ"י הַקָּדוֹשׁ "אַלֶע הָאבְּן גֶעוֵוײנְט", מֶענֶער, פְרוֹיעֶן, וַוייל אַהֲרֹן אִיז גֶעוֶוען אַ אוֹהֵב שָׁלוֹם וְרוֹדֵף שָׁלוֹם, וּמֵטִיל אַהֲבָה בֵּין בַּעֲלֵי מְרִיבָה וּבֵין אִישׁ לְאִשְׁתּוֹ - עֶר הָאט גֶעבְּרֶענְגְט לִיבְּשַׁאפְט אוּן גֶעמַאכְט שָׁלוֹם צְווִישְׁן צְוֵויי מֶענְטְשְׁן אָדֶער מַאן אוּן וַוייבּ וָואס הָאבְּן זִיךְ גֶעקְרִיגְט, דֶערִיבֶּער הָאבְּן אַלֶע גֶעוֵויינְט.

אַהֲרֹן הַכֹּהֵן אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אֵיינֶעם פוּן דִי וָואס קְרִיגְן זִיךְ אוּן אִים גֶעזָאגְט: "דוּ וֵוייסְט דֶער אִיד מִיט וֶועמֶען דִי קְרִיגְסְט זִיךְ הָאט דִיר לִיבּ, יֶענֶער חַלֹשְׁ'ט פַאר דִיר, עֶר הָאט אַ גְרוֹיס צַעַר אַז עֶר הָאט דִיר גֶעטְשֶׁעפֶּעט!",

דֶער חַבֶר פְרֶעגְט פוּן אַהֲרֹן, אַזוֹי?! אַזוֹי הָאט עֶר גֶעזָאגְט, עֶר הָאט מִיךְ יָא לִיבּ?! אַזוֹי אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען צוּם צְוֵוייטְן, אוּן אִים אוֹיךְ גֶעזָאגְט: "דַיין חַבֶר הָאט צַעַר, עֶר קֶען נִישְׁט שְׁלָאפְן בַּיינַאכְט אַז עֶר הָאט דִיר גֶעטְשֶׁעפֶּעט", אַזוֹי הָאבְּן בֵּיידֶע חֲבֵרִים תְּשׁוּבָה גֶעטוּן אוּן זֶענֶען גֶעוָוארְן צוּרִיק בַּאפְרַיינְדֶעט. דֶערְפַאר הָאבְּן אַלֶע גֶעוֵויינְט בַּיי דִי פְּטִירָה פוּן אַהֲרֹן הַכֹּהֵן.

לָאמִיר זֶען אַ שְׁטִיקְל פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין תּוֹרָה כ"ז וואו דֶער רֶבִּי רֶעדְט וֶועגְן שָׁלוֹם, וָואס מֶען קֶען אוֹיפְטוּן וֶועט מֶען אִיז בְּשָׁלוֹם מִיט יֶעדְן אִיד אוּן מֶען הָאט זִיךְ לִיבּ, אוּן עֶס אִיז דָא צְווִישְׁן אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַהֲבָה. דֶער רֶבִּי אִיז מְגַלֶּה אִין דִי תּוֹרָה אַזַא לָשׁוֹן: "לוֹיט דִי שָׁלוֹם וָואס אִיז דָא אִין דוֹר אַזוֹי קֶען מֶען צִיעֶן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט צוּ דִינֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, אַ דוֹר וָואס עֶס אִיז פַארְהַאן שָׁלוֹם צְווִישְׁן דִי מֶענְטְשְׁן, קֶענֶען זֵיי רֶעדְן אֵיינֶער מִיטְן צְוֵוייטְן. אוּן דִי מֶענְטְשְׁן זֶענֶען חוֹקֵר, אֵיינֶער מִיט צְוֵוייטְן, זֵיי טְרַאכְטְן, זֵיי פָארְשְׁטְן, וָואס אִיז דֶער תַּכְלִית פוּן דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט, פוּן אַלֶע נַארִישְׁקַייטְן אוֹיף דֶער וֶועלְט".

דִי חֲבֵרִים זֶענֶען מַסְבִּיר אֵיינֶער פַארְן צְוֵוייטְן דֶעם אֱמֶת אַז סוֹף כָּל סוֹף בַּיים עֶנְדֶע וֶועט נִישְׁט בְּלַייבְּן פוּן אַ מֶענְטְשׁ גָארְנִישְׁט, נָאר וָואס עֶר הָאט זִיךְ צוּגֶעגְרֵייט דִי תּוֹרָה וּמִצְווֹת פַאר נָאךְ זַיין פְּטִירָה צוּם עוֹלָם הַנִּצְחִי, אַזוֹי ווִי חֲזַ"ל זָאגְן אִין מַסֶּכֶת אָבוֹת, אֵין מְלַוִּין לוֹ לְאָדָם, עֶס בַּאגְלֵייט נִישְׁט דֶעם מֶענְטְשׁ נָאךְ זַיין הוּנְדֶערְט אוּן צְוָואנְצִיג יָאר, לֹא כֶּסֶף וְלֹא זָהָב וְלֹא אֲבָנִים טוֹבוֹת וּמַרְגָּלִיּוֹת - נִישְׁט קַיין דִימַאנְטְן נִישְׁט קַיין שְׁפִּילֶערַייעֶן, נָאר אֵיין זַאךְ, תּוֹרָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים בִּלְבַד. אוּן אוֹיבּ אֵיינֶער רֶעדְט מִיטְ'ן צְוֵוייטְן וֶועגְן דֶעם תַּכְלִית, דוּרְכְדֶעם וַוארְפְן אַלֶע אַוֶועק דִי נַארִישְׁקַייטְן, אַלֶע דִמְיוֹנוֹת, גֶעלְט מִיט כָּבוֹד, א.אוו. אוּן מֶען אִיז

זיך מִתְקָרֵב צום אֱמֶת, און מֶען מֶען קֶערְט זיך צום אויבֶּערְשְׁטְן, צו תּוֹרָה און עֲבוֹדַת הַשֵּׁם.

טָאמֶער אָבֶּער חָלִילָה עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין שָׁלוֹם, און כָּל שֶׁכֵּן אויבּ עֶס אִיז פַּארְהַאן אַ מַחֲלוֹקֶת חַס וְשָׁלוֹם צְוִוישְׁן צְוֵויי חֲבֵרִים, אָדֶער צְוֵויי קְבוּצוֹת, אֲזֵי אֵין מִתְוַעֲדִין יַחַד זֶה עִם זֶה, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט דוּרְכְקוּמֶען, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט צוּזַאמֶען קוּמֶען, וְאֵין אֶחָד מְדַבֵּר עִם חֲבֵרוֹ מֵהַתַּכְלִית, מֶען קֶען נִישְׁט רֶעדְן מִיטְן חָבֵר פוּנֶעם תַּכְלִית, וַאֲפִלּוּ כְּשֶׁמִּתְוַעֲדִים יַחַד אֲפִילוּ מֶען קוּמְט זִיךְ שׁוֹין יָא צוּנוֹיף, אֵין נִכְנָסִים דְּבָרָיו בְּלֵב חֲבֵרוֹ, דִי דִיבּוּרִים גֵייט נִישְׁט אַרַיין אִין חָבֶר׳ס הַארְץ, מֵחֲמַת נִצָּחוֹן, ווַייל יֶעדֶער אֵיינֶער וִויל אוֹיסְפִּירְן.

כִּי מַחֲלֹקֶת וְנִצָּחוֹן אֵינוֹ סוֹבֵל הָאֱמֶת, אֵיינֶער וָואס וִויל נִצָּחוֹן קֶען נִישְׁט סוֹבֵל זַיין דֶעם אֱמֶת, ווַייל עֶר וִויל אוֹיסְפִּירְן. נִמְצָא שֶׁעִיקַּר הִתְרַחֲקוּת מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שֶׁל רֹב בְּנֵי-אָדָם הִיא עַל-יְדֵי הַמַּחֲלֹקֶת שֶׁנִּתְרַבָּה עַכְשָׁו בַּעֲווֹנוֹתֵינוּ הָרַבִּים. הַמָּקוֹם יְרַחֵם. ווַייל אוֹיבּ אַלֶע וָואלְטְן זִיךְ דוּרְכְגֶעקוּמֶען צוּזַאמֶען, ווֶעלְט מֶען גֶעזֶען אַז בֶּאֱמֶת ווִילְן אַלֶע דִינֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן. (עי׳ תורה קכ״ב)

ר׳ נָתָן זָאגְט אִין לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת, אַז דִי תַּלְמִידֵי בַּעַל שֵׁם הַקָּדוֹשׁ הָאבְּן גֶעהַאט אֵיין רֶבִּי, אָבֶּער יֶעדֶער תַּלְמִיד הָאט גֶעהַאט אַן אַנְדֶערֶע עֲבוֹדָה, אֵיינֶער אִיז גֶעוֶוען שְׁטַארְק אִין חֶסֶד, אֵיינֶער הָאט גֶעמַאכְט פִּדְיוֹן שְׁבוּיִם, אֵיינֶער הָאט אַרַיינְגֶעלֵייגְט כּוֹחוֹת און גֶעדַאווְנְט עֶטְלִיכֶע שָׁעָה, אֵיינֶער הָאט גֶעדַאווְנְט שְׁנֶעל און שְׁטִיל, בַּיי אֵיין תַּלְמִיד אִיז גֶעוֶוען מֶער תּוֹרָה, יֶעדֶער תַּלְמִיד אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט זַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אָבֶּער בֶּאֱמֶת זֶענֶען אַלֶע גֶעוֶוען אוּנְטֶער אֵיין רֶבִּי.

אַזוֹי אוֹיךְ בַּיי אוּנְז דַארְף מֶען ווִיסְן, אַז הֲגַם דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן פַארְשִׁידֶענֶע עֲבוֹדוֹת, דִי עֲבוֹדָה פוּן תְּפִלָּה, נְקוּדוֹת טוֹבוֹת, תּוֹרָה, שִׂמְחָה, הִתְעוֹרְרוּת, הִתְחַזְּקוּת, חֲצוֹת, אַסַאךְ פַארְשִׁידֶענֶע עֲבוֹדוֹת פַארְמָאגְן מִיר, טָאר מֶער אָבֶּער חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט אַוֶועקְמַאכְן קֵיינֶעם, אַלֶע חֲבֵרִים זֶענֶען חָשׁוּב, יֶעדֶער וִויל דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן מִיט זַיין נְקוּדָה וָואס אִיז שַׁיָּיךְ פַאר זַיין נְשָׁמָה, מֶער טָאר חָלִילָה נִישְׁט לַאכְן פוּן אַ חָבֵר, נָאר מְכַבֵּד זַיין דִי חֲבֵרִים, לִיבּ הָאבְּן אַלֶע חֲבֵרִים.

מֶען זֶעט טַאקֶע ווֶען דִי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ יַעֲקֹב אָבִינוּ, הָאט עֶר גֶעמֵיינְט אַז אֶפְשָׁר הָאבְּן זֵיי אֶפְשָׁר אַ שִׁנּוּי אִין זֵייעֶרֶע דֵעוֹת, הָאבְּן זֵיי גֶעזָאגְט נֵיין! שְׁמַע יִשְׂרָאֵל, הֶער אוּנְזֶער טַאטֶע יִשְׂרָאֵל, ה׳ אֱלֹקֵינוּ ה׳ אֶחָד, דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אִיז אֵיינְס. אַזוֹי אוֹיךְ בַּיי אוּנְז אַלֶע חֲבֵרִים שְׁרֵייעֶן דֶעם זֶעלְבְּן שְׁמַע יִשְׂרָאֵל, דִי זֶעלְבֶּע תּוֹרָה, דִי זֶעלְבֶּע שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, דִי אֱמוּנָה אִין בַּאשֶׁעפֶער, עֶס אִיז דָא חִילּוּקִים, אָבֶּער דֶער עִיקָּר אִיז דִי אַהֲבָה.

דֶער אֲרִ״י הַקָּדוֹשׁ הָאט גֶעזָאגְט: ״אוֹיבּ וָואלְט גֶעוֶוען אַהֲבַת חֲבֵרִים וָואלְט שׁוֹין פוּן לַאנְג גֶעקוּמֶען דִי גְּאוּלָה״. דֶער אֲרִ״י הָאט גֶעוָוארְנְט מֶען זָאל זָאגְן יֶעדְן טָאג פַארְן דַאוֶוענֶען: ״הֲרֵינִי מְקַבֵּל עָלַי מִצְוַת עֲשֵׂה שֶׁל וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ״, לִיבּ הָאבְּן אַ חָבֵר, פַארְגִינֶען פַאר אַ חָבֵר אַ גוּט וָוארְט, אַ שְׁמֵייכְל, אִים גֶעבְּן אַ גוּטֶע זַאךְ. דוּרְכְדֶעם ווֶעלְן מִיר מְקָרֵב זַיין דִי גְּאוּלָה, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט דָא אִין תּוֹרָה כ״ז אַז דִי גְּאוּלָה קוּמְט דוּרְךְ שָׁלוֹם.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז מִיר זָאלְן זֶען דִי שֵׁיינְקַייט פוּן אוּנְזֶערֶע חֲבֵרִים און זִיךְ קֶענֶען צַאמְקוּמֶען, דוּרְכְדֶעם ווֶעלְן מִיר זוֹכֶה זַיין בְּקָרוֹב מַמָּשׁ צוּ בִּיאַת הַמָּשִׁיחַ ווֶעלְכֶער ווֶערְט גֶערוּפְן ׳שַׂר שָׁלוֹם׳, עֶס ווֶעט זַיין שָׁלוֹם צְוִוישְׁן דִי חֲבֵרִים, ווֶעט זַיין דִי גְּאוּלָה הַשְּׁלֵמָה בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

# א אידישער גלח

ר׳ אֱלִיעֶזֶר אַקֶערְמַאן וָועלְכֶער הָאט גֶעוואוֹינְט אִין שְׁטָאט חֵיפָה, פְלֶעגְט קוּמֶען יֶעדֶעס יָאר צוּם קִבּוּץ פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה. עֶר פְלֶעגְט דֶערְצֵיילְן דִי גֶעשִׁיכְטֶע וויאַזוֹי עֶר אִיז נִתְקָרֵב גֶעוואָרְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, וּמַעֲשֶׂה שֶׁהָיָה כָּךְ הָיָה: דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשָׁאנְקֶען ר׳ אֱלִיעֶזֶר מִיט אַסַאךְ מַזָל, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר אוּן הָאט פַארְמָאגְט זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע פַארְמֶעגְן.

דָאס אִיז גֶעוֶוען אִין דִי צַייטְן וֶוען עֶס אִיז פָארְגֶעקוּמֶען דִי אִיבֶּערְקֶערֶענִישְׁן אִין רוּסְלַאנְד, וֶוען דִי קָאמֶענִיסְטְן הָאבְּן אִיבֶּערְגֶענוּמֶען דָאס בֶּענְקְל אוּן הָאבְּן גֶעפִירְט דָאס לַאנְד מִיט אַ שְׁטַייפֶע הַאנְט. הָאט ר׳ אֱלִיעֶזֶר גֶעשְׁפַּייזְט פוּן זַיינֶע גֶעלְט עֶטְלִיכֶע מִשְׁפָּחוֹת פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט וָואס הָאבְּן נִישְׁט גֶעוואָלְט אַרְבֶּעטְן אוּם שַׁבָּת, פוּן זַיין זַייט אִיז דָאס גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע מְסִירַת נֶפֶשׁ, ווַייל עֶר הָאט גֶעוואוּסְט אַז עֶס וֶועט נָאךְ קוּמֶען אַ צַייט וָואס עֶר וֶועט אוֹיךְ דַארְפְן אַוֶועקְגֶעבְּן זַיין גַאנְצֶע פַארְמֶעגְן פַאר דֶער רֶעגִירוּנְג, אוּן וֶוער ווייסְט אוֹיבּ עֶר וֶועט נָאךְ בְּלַייבְּן בַּיים לֶעבְּן, ווַייל ווִי בַּאוואוּסְט פְלֶעגְן דִי בָּאלְשֶׁעוִויקֶעס הַרְגֶ׳נֶען אַלֶע עֲשִׁירִים.

אֵיינְמָאל, וֶוען דֶער עוֹשֶׁר ר׳ אֱלִיעֶזֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט זַיין הַארְץ פַאר אַפָּאר אִידְן, הָאט עֶר זֵיי גֶעפְרֶעגְט: ״וָואס וֶועט זַיין מַיין סוֹף? וֶועלְן דִי חֶבְרָה קוּמֶען אוֹיף מַיינֶע שְׁפּוּרְן אוּן מִיר צוּנֶעמֶען מַיין הָאבּ אוּן גוּטְס?״.



״דוּ דַאֲגֶה׳סְט?! דֶער רֶבִּי וֶועט זִיכֶער אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִיר!״, הָאבְּן זֵיי אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט אַ זִיכֶערְקַייט: ווַייל דוּ שְׁטִיצְט דֶער רֶבִּי׳נְס מֶענְטְשְׁן!

אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, אֵיין טָאג הָאבְּן אַרַיינְמַארְשִׁירְט צוּ אִים אִין שְׁטוּבּ אַ גְרוּפֶּע סָאלְדַאטְן, מִיט זֵייעֶר אוֹיבֶּערְהַאר אִין שְׁפִּיץ, אוּן גֶעפָאדֶערְט פוּן אִים אַ לִיסְטֶע פוּן אַלֶע זַיינֶע פַארְמֶעגְנְס, עֶר הָאט זֵיי עֶס גְלַייךְ אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן, גְלַייךְ דֶערוֹיף הָאט דֶער הוֹיפְט זֵייעֶרֶער גֶעבֶּעטְן פוּן ר׳ אֱלִיעֶזֶר זַיינֶע פְּרִיוַואטֶע דָאקוּמֶענְטְן, הָאט עֶר דָאס אוֹיךְ אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן.

פְלוּצְלִינְג הָאט זִיךְ דֶער אוֹיפְזֶעעֶר אוֹיסְגֶעדְרֵייט צוּ זַיינֶע סָאלְדַאטְן אוּן רוּפְט אוֹיס:

״וָואס זוּכְן מִיר בִּכְלַל אִין זַיין שְׁטוּבּ?! עֶר אִיז דָאךְ בִּכְלַל נִישְׁט קֵיין אַיינְוואוֹינֶער פוּן רוּסְלַאנְד! עֶר אִיז דָאךְ אַ פְרֶעמְדֶער מֶענְטְשׁ!״, דִי סָאלְדַאטְן הָאבְּן זִיךְ זָאפָּארְט אוֹיסְגֶעדְרֵייט אוּן אַרוֹיס פוּן זַיין פַּאלַאץ.

ר׳ אֱלִיעֶזֶר אִיז גֶעבְּלִיבְּן שְׁטֵיין עֶרְשְׁטוֹינְד, אוּן נִישְׁט גֶעוואוּסְט צוּ הָאט עֶר טַאקֶע רִיכְטִיג גֶעהֶערְט.

שְׁפֶּעטֶער אִיז דֶער אוֹיפְזֶעעֶר אַלֵיינְס

צוריקגעקומען – אָן זיינע באַגלייטער, אין שטוב פון ר' אֱליעזר און אים געזאָגט: "קוק אַהער, אויב וואָלט איך דיר צוגענומען אַלע דיינע פאַרמעגנס וואָלט איך גאָרנישט געהאַט פון דעם, ווייל אַלעס וואָלט סייווי געגאַנגען גלייך צו די קאַסעס פון די קאָמוניסטישע רעגירונג, אַנדעם וואָס איך זאָל באַקומען אפילו איין פּראָצענט פון דעם, דערפאַר בעט איך דיר, וויבאַלד איך האָב געראַטעוועט דיין גאַנצער פאַרמעגן, זאָלסטו מיר שענקען איין פּאָר באַקוועמע שטיוול".

מיט גרויס שמחה לויפט ר' אֱליעזר אַריין אין שטוב און ברענגט אים אַרויס צוויי פּאָר טייערע שטיוול און דערלאַנגט עס פאַרן אויפזעער.

ר' אֱליעזר האָט געהאַט גרויס התפעלות פון דעם גרויסן נס, איינזעענדיג אַז די רייד פון אונזערע לייט וואָס האָבן געזאָגט אַז אין זכות וואָס ער שטיצט דעם רבינ'ס לייט וועט ער זיכער געראַטעוועט ווערן איז טאַקע מקוים געוואָרן.

ר' אֱליעזר האָט זיך נאָכמער געצויגן צום רבינ'ס מענטשן און געוואָרן מער איינגעבאַקן אין רבינ'ס חדר.

• • •

עס איז אַמאָל צוגעקומען אַ איד צו ר' אֱליעזר און אים געזאָגט: "דו ביסט דאָך אַ גרויסער עושר, אַ גרויסער בעל צדקה, איך האָב פאַר דיר אַ זעלטענע געלעגנהייט, קום העלף אַן אידישן גלח!"

ר' אֱליעזר איז טאַקע געגאַנגען מיט דעם איד זיך טרעפן מיטן אַזוי־גערופענעם אידישן גלח. זיי קומען אַריין צום גלח אין שטוב און באַגעגענען זיך אַנשטאָט מיט אַן עלטערער איד, וועלכער פאַרברענגט על התורה ועל העבודה. האָט דער אַלטער איד דערציילט אַז ער איז פון די קינדער וואָס זענען פאַרכאַפּט געוואָרן דורך דעם צאַר ניקאָלאַי, במשך זיינע אינגע יאָרן האָט ער אינגאַנצן פאַרגעסן פון זיין אידישקייט, און האָט געדינט אין מיליטער צוזאַמען מיט נאָך אידישע קינדער.

ער איז אָנגעקומען אין די אוניווערזיטעט וואָס דער צאַר ניקאָלאַי האָט אויפגעשטעלט אין די קלויסטערס. איינמאָל האָבן זיי געהאַט זייער אַ שווערע פאַרהער, און קיינער פון זיינע חברים – די גוים זענען עס נישט אַריבער, נאָר ער, דער איד איז געווען דער איינציגסטער וואָס האָט עס אַדורכגעמאַכט. איז געשטאַנען דאָרט אַ עלטערע גלח'טע וועלכע איז געווען זייער געלערנט, און האָט זיך אָנגערופן: "דער האָט אַ אידישע קאָפּ!".

זינט דעם פּאַסירונג האָט ער אָנגעהויבן זיך נאָכפרעגן וואָס איז דאָס אידישקייט און וואָס מיינט דאָס אַ איד, ביז ער האָט זיך דערוואוסט זיין אמת'ער יחוס, און אַזוי האָט ער צוריק געכאַפּט צום דרך התורה, און צום הייליגן באַשעפער.

פאַרשטייט זיך אַז מער איז ער קיין גלח נישט געווען, נאָר ער האָט צוריקגעקערט צום אידישן וועג, מיטן גאַנצן האַרץ.

מַעֲשֶׂה: אַמָאל אִיז גֶעוֶוען אַ 'בַּעַל־תְּפִילָּה' וָואס עֶר הָאט תָּמִיד נָאר עוֹסֵק גֶעוֶוען, אִין 'תְּפִילוֹת' אוּן 'שִׁירוֹת' אוּן 'תּוּשְׁבָּחוֹת', צוּ 'הַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ' אוּן עֶר אִיז גֶעזֶעצְן 'חוּץ־לְיִשּׁוּב'! אוּן זַיין 'סֵדֶר' אִיז גֶעוֶוען: עֶר פְלֶעגְט אַמָאל אַרַיינְצוּגֵיין אִין 'יִשּׁוּב' אַרַיין – אוּן עֶר פְלֶעגְט אַרַיינְצוּגֵיין צוּ עֶפֶּעס אַ 'מֶענְטְשְׁן' [מֶענְטְשׁ] – מִן־הַסְּתָם פְלֶעגְט עֶר אַרַיינְגֵיין צוּ 'קְלֵיינֶע לַייט', דְהַיְינוּ: 'אָרִימֶעלַייט', אוּן נָאךְ אַזוֹי אַ גְלַייכְן!

אוּן עֶר פְלֶעגְט מִיט דֶעם 'מֶענְטְשְׁן' אָנְהֵייבְּן צוּ שְׁמוּעֶסְן [אַרַיינְרֶעדְן אִין זַיין הַארְץ], פוּן דֶעם 'תַּכְלִית' פוּן גָאר דֶער וֶועלְט: "בַּאֲשֶׁר, אַז צוּם 'אֱמֶת', אִיז קֵיין שׁוּם 'תַּכְלִית' נִישְׁט פַארְהַאנְדְן [פַארְהַאנֶען] אוֹיף דֶער וֶועלְט, נָאר מְ'זָאל גָאט דִינֶען וַוייל [ווִילַאנְג] מְ'לֶעבְּט – אוּן מְ'זָאל זִיךְ פַארְבְּרֶענְגֶען דִי 'יָאהְרְן', נָאר מִיט 'תְּפִילָּה' צוּ 'הַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ', אוּן מִיט 'שִׁירוֹת וְתוּשְׁבָּחוֹת' צוּ 'הַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ'" וְכוּ'!

אוּן עֶר פְלֶעגְט אַסַאךְ צוּ שְׁמוּעֶסְן מִיט דֶעם 'מֶענְטְשְׁן', 'אַזוֹינֶע רֵייד' וָואס עֶר זָאל יֶענֶעם דֶערְוֶועקְן! – בִּיז זַיינֶע רֵייד זֶענֶען אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען יֶענֶעם אִין דֶעם 'הַארְצְן' אַרַיין – בִּיז דֶער 'מֶענְטְשׁ' אִיז מְרוּצֶּה [בַּאווִילִיגְט] גֶעוָוארְן, אַז עֶר זָאל זִיךְ צוּ אִים בַּאהֶעפְטְן! אוּן תֵּיכֶף ווִי דֶער 'מֶענְטְשׁ' אִיז מְרוּצֶּה גֶעוָוארְן מִיט אִים – הָאט עֶר אִים תֵּיכֶף גֶענוּמֶען, אוּן הָאט אִים גֶעפִירְט אוֹיף זַיין 'אָרְט' [פְּלַאץ] וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט 'חוּץ־לְיִשּׁוּב' (דְהַיְינוּ: אַרוֹיס פוּן דֶעם 'יִשּׁוּב', נִישְׁט וואוּ מֶענְטְשְׁן זִיצְן)!

וָוארְן דֶער 'בַּעַל־תְּפִילָּה', הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן אַ אָרְט 'חוּץ־לְיִשּׁוּב' – אוּן דָארְט אִיז גֶעוֶוען אַ 'טַייכְל' [פָּארְנְט פוּנֶעם פְּלַאץ] – אוּן 'בֵּיימֶער' אוּן 'פֵּירוֹת' אִיז דָארְט אוֹיךְ גֶעוֶוען – אוּן זֵיי פְלֶעגְן עֶסְן פוּן דִי 'פֵּירוֹת' אוּן אוֹיף 'קְלֵיידֶער' – הָאבְּן זֵיי גָארְנִישְׁט גֶעקוּקְט – ווִי [ווִיאַזוֹי] מְ'גֵייט, גֵייט מֶען! אוּן אַזוֹי פְלֶעגְט זַיין 'סֵדֶר' צוּ זַיין פוּן דֶעם 'בַּעַל־תְּפִילָּה' תָּמִיד: וָואס עֶר פְלֶעגְט אַלֶץ אַרַיינְצוּגֵיין אִין 'יִשּׁוּב' אַרַיין – אוּן פְלֶעגְט אִיבֶּערְרֶעדְן [אוּן בַּאווִילִיגְן] 'מֶענְטְשְׁן': "אַז זֵיי זָאלְן גֵיין מִיט זַיין 'וֶועג', אַז זֵיי זָאלְן נָאר 'גָאט' בָּרוּךְ־הוּא דִינֶען – זֵיי זָאלְן נָאר עוֹסֵק זַיין אִין 'תְּפִילוֹת' וְכוּ'"!

אוּן וֶוער סְ'הָאט אִים צוּגֶעהֶערְט [אוּן אִיז בַּאווִילִיגְט גֶעוָוארְן] – פְלֶעגְט עֶר אִים צוּ נֶעמֶען – אוּן פְלֶעגְט אִים פִירְן אוֹיף זַיין אָרְט 'חוּץ־לְיִשּׁוּב', כַּנַ"ל [ווִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט] אוּן זֵיי פְלֶעגְן דָארְט עוֹסֵק זַיין – נָאר אִין 'תְּפִילוֹת' אוּן 'שִׁירוֹת וְתוּשְׁבָּחוֹת' צוּ 'הַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ', אוּן 'ווִידוּיִים', אוּן 'תַּעֲנִיתִים', אוּן 'סִיגוּפִים' (דְהַיְינוּ: פַּיינִיגְן זִיךְ דֶעם 'גוּף'), אוּן 'תְּשׁוּבָה' – אוּן דֶעסְטְגְלַייכְן! אוּן דֶער 'בַּעַל־תְּפִילָּה', פְלֶעגְט זֵיי גֶעבְּן זַיינֶע 'חִיבּוּרִים' (דְהַיְינוּ: 'סְפָרִים') וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט, פוּן 'תְּפִילוֹת', אוּן 'שִׁירוֹת וְתוּשְׁבָּחוֹת', אוּן 'ווִידוּיִים'! – אוּן זֵיי פְלֶעגְן עוֹסֵק זַיין דֶערִינֶען תָּמִיד!

בִּיז סְ'פְלֶעגְט זִיךְ שׁוֹין צוּ גֶעפִינֶען צְווִישְׁן 'זַיינֶע מֶענְטְשְׁן' וָואס עֶר הָאט אַהִינְגֶעבְּרַאכְט [אַהִינְגֶעבְּרֶענְגְט]: 'אַזוֹינֶע [מֶענְטְשְׁן]', וָואס זֵיי הָאבְּן שׁוֹין אוֹיךְ גֶעקֶענְט בְּרֶענְגֶען [מְקָרֵב זַיין] 'מֶענְטְשְׁן' צוּ 'הַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ'! פְלֶעגְט עֶר אַמָאל גֶעבְּן רְשׁוּת צוּ אֵיינֶעם פוּן 'זַיינֶע מֶענְטְשְׁן': "אַז עֶר זָאל שׁוֹין אוֹיךְ גֵיין אִין 'יִשּׁוּב' אַרַיין, [עֶר זָאל עוֹסֵק זַיין דֶערִין], אוּן [עֶר] זָאל דֶערְוֶועקְן [מְקָרֵב זַיין] 'מֶענְטְשְׁן' צוּם 'אֵייבֶּערְשְׁטְן', אַז זֵיי זָאלְן נָאר 'גָאט' דִינֶען"!

[אוּן] אַזוֹי הָאט דֶער 'בַּעַל־תְּפִילָּה' זִיךְ אַלֶץ גֶעפִירְט – אוּן פְלֶעגְט אַלֶעמָאל מְקָרֵב זַיין 'מֶענְטְשְׁן' – אוּן פְלֶעגְט זֵיי אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דֶעם 'יִשּׁוּב', כַּנַ"ל. בִּיז סְ'אִיז גֶעוָוארְן אַ 'רוֹשֶׁם' אוֹיף דֶער וֶועלְט (כְּלוֹמַר: מֶען הָאט דִי זַאךְ אָנְגֶעזֶעהְן אוֹיף דֶער וֶועלְט) – אוּן דִי זַאךְ הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן מְפוּרְסָם צוּ וֶוערְן, וָוארְן פְּלוּצִים [פְּלוּצְלִינְג] זֶענֶען פַארְפַאלְן גֶעוָוארְן 'מֶענְטְשְׁן' פוּן דֶער 'מְדִינָה' – אוּן מֶען הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט וואוּ זֵיי זֶענֶען אַהִינְגֶעקוּמֶען!

[און אַזוֹי אוֹיךְ הָאט פַּאסִירְט, אַז] בַּיי דֶעם אִיז [פְּלוּצְלִינְג פַּארְפַאלְן גֶעוָוארְן אַ 'זוּהְן'! – בַּיי דֶעם אַ 'אֵיידֶעם'! – [און דֶעסְטְגְלַייכְן]! – און מֶען הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט וואוּ זֵיי זֶענֶען, בִּיז מֶען אִיז גֶעוָוואר גֶעוָוארְן: "אַז סְ'גֶעפִינְט זִיךְ דֶער 'בַּעַל־תְּפִילָּה' – וָואס עֶר גֵייט אוּם [אַרוּם], און רֶעדְט אָן 'מֶענְטְשְׁן' צוּ [דִינֶען] 'הַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ'"!

נָאר [אִים צוּ דֶערְקֶענֶען און] 'כַּאפְּן', הָאט מֶען אִים נִישְׁט גֶעקֶענְט! – וָוארְן דֶער [דָאזִיגֶער] 'בַּעַל־תְּפִילָּה', פְּלֶעגְט זִיךְ פִירְן מִיט 'גְרוֹיס חָכְמָה' – און פְּלֶעגְט זִיךְ בַּיי אִיטְלֶעכְן פַּארְשְׁטֶעלְן אַנְדֶערְשׁ [מִיט אַ אַנְדֶערֶע 'שִׁינּוּי'] בַּיי 'דֶעם', הָאט עֶר זִיךְ פַּארְשְׁטֶעלְט פַאר אַ 'אָרִימַאן'! – און בַּיי 'דֶעם', פַּאר אַ 'סוֹחֵר'! – און בַּיי 'דֶעם', הָאט עֶר זִיךְ נָאךְ אַנְדֶערְשׁ פַּארְשְׁטֶעלְט!

און דֶערְצוּ, אַז [וֶוען] עֶר פְלֶעגְט קוּמֶען שְׁמוּעֶסְן מִיט אַ 'מֶענְטְשְׁן' – [אִיז] אַז עֶר הָאט פַּארְשְׁטַאנֶען, אַז עֶר קֶען בַּיי 'דֶעם מֶענְטְשְׁן' נִישְׁט פּוֹעֶלְן דָאס וָואס עֶר וִויל – פְּלֶעגְט עֶר דֶעם 'מֶענְטְשְׁן', אַזוֹי פַארְדְרֵייעֶן מִיט רֵייד! – בִּיז סֶע [סְ'אִיז] גָארְנִישְׁט גֶעמָאלְט [מֶעגְלִיךְ] גֶעוֶוען צוּ פַאלְן [אַיינְצוּפַאלְן; צוּ פַארְשְׁטֵיין], אַז עֶר מֵיינְט דָאס 'דָאזִיגֶע', דְהַיְינוּ: "אַז עֶר זָאל אִים מְקַרֵב זַיין צוּ 'הַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ'"!

און סֶע [סְ'אִיז] נִישְׁט גֶעמָאלְט גֶעוֶוען צוּ שְׁטוֹיסְן זִיךְ [עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ גֶעוֶוען צוּ פַארְשְׁטֵיין פוּן אִים], אַז עֶר מֵיינְט 'דָאס' [אַז זַיין גַאנְצֶע 'כַּוָּונָה' אִיז נָאר דָאס]! – כָאטְשֶׁע צוּם 'אֶמֶת', אִיז גָאר זַיין 'כַּוָּונָה' גֶעוֶוען נָאר דָאס! – וָוארְן וָואס עֶר הָאט [אַלְץ] גֶעשְׁמוּעֶסְט און גֶערֶעדְט מִיט 'לַייט' [מֶענְטְשְׁן], הָאט עֶר מֶער נִישְׁט גֶעמֵיינְט נָאר 'דָאס', דְהַיְינוּ: "אַז עֶר זָאל מְקַרֵב זַיין צוּ 'הַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ'"!

נָאר וִוי [וֶוען] עֶר הָאט פַּארְשְׁטַאנֶען: "אַז עֶר פּוֹעֶלְט בַּיי 'דֶעם' נִישְׁט"! – פְּלֶעגְט עֶר אִים אַזוֹי מְרַמֶּה זַיין [פַּארְדְרֵייעֶן און פַּארְקְרוּמֶען און אוֹיסְנַארְן], און פַּארְשְׁטֶעלְן מִיט רֵייד! – בִּיז 'יֶענֶער' הָאט גֶעמֵיינְט: "אַז עֶר ווִיל גָארְנִישְׁט 'דָאס'" (אִיבֶּערְדֶעם [צוּלִיבּ דֶעם], הָאט מֶען דֶעם 'בַּעַל־תְּפִילָּה' נִישְׁט גֶעקֶענְט 'כַּאפְּן')!

הָאט דֶער 'בַּעַל־תְּפִילָּה' עוֹסֵק גֶעוֶוען אַלְץ, אִין 'דֶער זַאךְ', כַּנַּ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט] – בִּיז סְ'גֶעוָוארְן אַ 'רוֹשֶׁם' און אַ 'פִּירְסוּם' אוֹיף דֶער וֶועלְט און מְ'הָאט גֶעוָואלְט אִים 'כַּאפְּן' – נָאר סְ'אִיז נִישְׁט גֶעמָאלְט [מֶעגְלִיךְ] גֶעוֶוען, כַּנַּ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]!

אִיז [זֶענֶען] דֶער 'בַּעַל־תְּפִילָּה' מִיט 'זַיינֶע לַייט', גֶעזֶעצְן 'חוּץ־לְיִשּׁוּב' – און זֵיי הָאבְּן עוֹסֵק גֶעוֶוען, נָאר אִין 'תְּפִילָּה' און 'שִׁירוֹת וְתוּשְׁבָּחוֹת' צוּ 'גָאט' בָּרוּךְ־הוּא, און 'וִוידוּיִים', און 'תַּעֲנִיתִים', און 'סִיגּוּפִים', און 'תְּשׁוּבוֹת'!

און דִי זַאךְ פוּן דֶעם 'בַּעַל־תְּפִילָּה' אִיז [אוֹיךְ] גֶעוֶוען: "[אַז] עֶר הָאט גֶעקֶענְט אִיטְלֶעכְן מַסְפִּיק זַיין (כְּלוֹמַר: עֶר זָאל אִיטְלֶעכְן גֶעבְּן) וָואס עֶר הָאט בַּאדַארְפְט"! אַז [אוֹיבּ] עֶר הָאט פַּארְשְׁטַאנֶען אִין 'אֵיינֶעם' פוּן 'זַיינֶע לַייט': "אַז נָאךְ [לוֹיט] זַיין 'מוֹחַ' נָאךְ – בַּאדַארְף עֶר צוּ 'גָאטְ'ס דִינְסְט', אַז עֶר זָאל גֵיין אָנְגֶעטָאן אִין 'גִילְדְן גֶעשְׁטִיק' [גָאלְדֶענֶע קְלֵיידֶער]"! – הָאט עֶר עֶס אִים מַסְפִּיק גֶעוֶוען!

און אַזוֹי [אוֹיךְ] פַּארְקֶערְט: [אַז] אַמָאל אִיז צוּ אִים מְקוֹרָב גֶעוָוארְן אַ 'עוֹשֶׁר', און עֶר הָאט אִים אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן דֶעם 'יִשּׁוּב'! – און עֶר הָאט פַּארְשְׁטַאנֶען: "אַז דֶער 'עוֹשֶׁר' בַּאדַארְף צוּ גֵיין אָפְּגֶערִיסְן [צוּרִיסֶענֶע מְבוּזֶה'דִיגֶע קְלֵיידֶער]"! – הָאט עֶר אִים אַזוֹי גֶעפִירְט! [לוֹיט] אַזוֹי־וִוי עֶר הָאט גֶעוואוּסְט, וִויאַזוֹי מְ'בַּאדַארְף אִיטְלֶעכְן צוּ פִירְן – אַזוֹי הָאט עֶר אִים מַסְפִּיק גֶעוֶוען!

און בַּיי דִי [דָאזִיגֶע] מֶענְטְשְׁן וָואס עֶר הָאט זֵיי מְקַרֵב גֶעוֶוען צוּ 'הַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ' – אִיז בַּיי זֵיי אַ 'תַּעֲנִית', און דֶער 'גְרֶעסְטֶער סִיגּוּף' (דְהַיְינוּ: פַּיינִיגְן זִיךְ), טֵייעֶרֶער גֶעוֶוען פוּן אַלֶע 'תַּעֲנוּגִים' פוּן דֶער וֶועלְט! – וָוארְן זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט 'תַּעֲנוּג' פוּן דֶעם גְרֶעסְטְן 'סִיגּוּף', אָדֶער פוּן אַ 'תַּעֲנִית' – מֶער אֵיידֶער פוּן 'אַלֶע תַּעֲנוּגִים' פוּן דֶער וֶועלְט!

שם: ___________

# לאמיר זיך פארהערן



## די צוועלעוועטע מעשה - דער בעל תפילה (1)

**א. אין וואס האט דער בעל תפילה שטענדיג עוסק געווען?**
- ❑ אין תפילות
- ❑ אין שירות און תשבחות צו השי״ת
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ב. וואו איז דער בעל תפלה געזעסן?**
- ❑ אין בית המדרש
- ❑ אין ישוב
- ❑ חוץ לישוב

**ג. וואס האט דער בעל תפילה געזאגט אז וואס איז דער תכלית אויף דער וועלט?**
- ❑ נאר מ׳זאל דינען דעם אויבערשטן
- ❑ נאר צו טאהן אין משא ומתן
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ד. ווען א מענטש איז מרוצה געווארן צו אים, צו וואו האט ער אים געפירט?**
- ❑ אין זיין בית המדרש
- ❑ אין זיין שטוב
- ❑ אויף זיין ארט חוץ לישוב

**ה. אויף וואס האבן זיי גאר נישט געקוקט?**
- ❑ אויף וואו צו שלאפן
- ❑ אויף קליידער
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ו. אין וואס האבן זיי דארטן עוסק געווען חוץ לישוב?**
- ❑ אין תפלות שירות ותשבחות
- ❑ אין ווידויים און תעניתים און סיגופים
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ז. ווען האט ער געגעבן פאר זיינע מענטשן רשות אריין צוגיין אין ישוב צו דערוועקן מענטשן צום אייבירשטן?**
- ❑ גלייך ווען מ׳איז געקומען צו אים
- ❑ ווען זיי זענען שוין געווארן גרויסע צדיקים
- ❑ ווען זיי האבן שוין געקענט ברענגען מענטשן צו השי״ת

**ח. פארוואס האט מען נישט געקענט כאפן דעם בעל תפלה?**
- ❑ ווייל ער פלעגט זיך ביי יעדעם פארשטעלן אנדערש ביי איינעם וואו א ארימאן און ביי איינעם וואו א סוחר
- ❑ ווייל ער איז געווען א רואה ואינו נראה
- ❑ ווייל ער האט געמאכט א מופת מ׳זאל אים נישט קענען כאפן

**ט. וואס איז געווען טייערער ביי די מענטשן פון בעל תפילה מער פון אלע תענוגים?**
- ❑ גאלד און זילבר
- ❑ כבוד
- ❑ א תענית און דער גרעסטער סיגוף

י. האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?
- ❑ יא
- ❑ ניין
- ❑ א חלק



### טיפער באטראכט

**וויפיל און וועלכע זאכן האבן עוסק געווען דער בעל תפילה מיט זיינע לייט חוץ לישוב?**

### תשובות אויף די פריערדיגע וואך

וויפיל זאכן דערציילט דער רבי אין דער מעשה אז דער אמת׳ער בן מלך האט פארשטאנען אז מען דארף דאס רוקן פון זייער ארט און זיי מסדר זיין אויף זייער ריכטיגער פלאץ? זִיבְּן זַאכְן, - רֵייזִילֶע, בֶּעטְיל, טִישׁ, לֵייכְטֶער, עוֹפוֹת, חַיוֹת, לֵייבּ.

**געווינער אויף בן המלך ובן השפחה 7**

**בעז״ה די קומענדיגע וואך וועט זיין דער גורל**

**צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72 646-585-3040**



## דעם רבינ'ס משלים

# אַ נַייעֶ וֶועג

**עֶס** אִיז בַּאוואוּסְט אַז אַמָאלִיגֶע יָארְן וֶוען מֶען פְלֶעגְט פָּארְן אוֹיף דִי הוֹיפְּט וֶועגְן פְלֶעגְן שְטֵיין רוֹצְחִים אוּן גַנָבִים אוּן פְלֶעגְן בַּאפַאלְן אוּן בַּארַאבֶּעוֶוען דִי דוּרְכְגֵייעֶר. דִי רוֹיבֶּער הָאבְּן שוֹין גֶעקֶענְט דִי אַלֶע וֶועגְן וואוּ דִי מֶענְטְשְׁן פְלֶעגְן דוּרְכְפָארְן. אָבֶּער אוֹיבּ מֶען פָארְט אוֹיף אַ זַייטִיגֶע וֶועג וָואס אִיז נָאךְ בִּכְלַל נִישְׁט בַּאוואוּסְט פַאר דִי רוֹיבֶּער פַארְשְׁטֵייט מֶען אַלֵיין אַז דָארְט וֶוערְט מֶען נִישְׁט בַּאפַאלְן פוּן דִי חֶבְרָה.

דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט דִי נַייעֶ סָארְט תְּפִלָּה וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט צוּ רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער אֵייגֶענֶע רֵייד אַרוֹיס פוּן הַארְץ, וִויבַּאלְד דָאס אִיז נַייעֶ וֶוערְטֶער קֶענֶען נִישְׁט דִי מְקַטְרִיגִים אָנְפַאלְן דֶעם מֶענְטְשׁ אַזוֹי וִוי זֵיי פַאלְן אוּנְז לַיידֶער אָן וֶוען מִיר דַאוֶוענֶען דִי גֶעוֶוענְלִיכֶע טֶעגְלִיכֶע תְּפִלּוֹת.

אָבֶּער מִיט דֶעם אַלֶעם הָאט אוּנְז דֶער רֶבִּי בַּאפוֹילְן צוּ זָאגְן אַלֶע סָארְט תְּפִלּוֹת אוּן בַּקָשׁוֹת טְרָאץ וָואס דֶער יֵצֶר קֶען שׁוֹין דִי אַלֶע תְּפִלּוֹת אוּן קֶען אוּנְז שְׁטֶערְן חַס וְשָׁלוֹם, דַארְפְן מִיר וַוייטֶער מִיט תְּמִימוּת זֵיי זָאגְן אוּן בֶּעטְן, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי רֶעדְט פוּן דֶעם אִין עֶטְלִיכֶע פְּלֶעצֶער מִיר זָאלְן זַיין גֶעוואוֹינְט צוּ זָאגְן תְּחִנּוֹת אוּן בַּקָשׁוֹת.

